**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 3.2 מיליאן דאלארדיגע STERLING NATURE CENTER AND RESILIENCY EDUCATION געביידע, קאַיוגע קאונטי**

***נייע צענטער וועט פארמערן אויפמערקזאמקייט איבער קלימאט און אויפקלערונג געלעגנהייטן***

***טייל פון ניו יארק סטעיט'ס 300 מיליאן דאלארדיגע 'באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו'***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון קאנסטרוקציע אויף די Sterling (סטערלינג נאטור צענטער און שטאנדהאפטיגקייט Nature Center and Resiliency Education אויפקלערונג) געביידע. קאַיוגע קאונטי איז געשאנקען געווארן 3.2 מיליאן דאלאר אין גרענט פינאנצירונג דורך ניו יארק סטעיט'ס [באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו (Resiliency and Economic Development Initiative, REDI)] צו פארענדיגן דעם פראיעקט. די סטערלינג נאטור צענטער, וואס שטייט לענגאויס צוויי מייל פון די לעיק אָנטאַריאו ברעג, איז אן עפנטליכע נאטור פרעזערוו און אפגעהיטענע שטח אין די אייגנטום און אפעראציע פון קאַיוגע קאונטי וואס נעמט אריין מער פון 1,400 אקער פון לאנד אין די טאון אָוו סטערלינג. די ניי-געבויטע ערקלערונגען צענטער וועט צושטעלן מער קלימאט שטאנדהאפטיגקייט, פארבעסערן טוריזם און שטופן פאר ענווייראמענטאלע אויפקלערונג אין דעם ראיאן.

"קלימאט טויש איז א מציאות וואס מיר קענען זיך נישט ערלויבן צו איגנארירן, און ניו יארק טוט זיך ספראווען מיט די שוועריגקייטן מיטן פולן קראפט. אלס טייל פון די באמיאונגען, ארבעטן מיר צוריק צו בויען, פונדאסניי אויספלאנירן און באשיצן די קאמיוניטיס אויף די ברעגעס וועלכע זענען שווער באטראפן געווארן דורך די הויכע וואסער שטאפלען פון 2019", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט סטראטעגישע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען, און דורך אונזער שותפות מיט לאקאלע רעגירונגען, זעהען מיר וויכטיגע קאמיוניטי פראיעקטן, ווי די סטערלינג נאטור צענטער, ווערנדיג פארווירקליכט. דער פארענדיגטער פראיעקט זאגט עדות איבער די גרויסע אויפטואונגען וואס קענען ערררייכט ווערן ווען די סטעיט און לאקאלע רעגירונג ארבעטן צוזאמען."

די סטערלינג נאטור צענטער איז די גרעסטע נאטור פרעזערוו אין די ניין קאונטיס פון דעם צענטראל ניו יארק ראיאן, באדינענדיג א ראיאן וואס רעכנט אריין קרוב צו 600,000 איינוואוינער. עס גיבט אן אייגנארטיג-פארשידנארטיגע נאטורליכע ערפארונג, אויסמישנדיג מער פון ניין מייל פון טרעילס און אטעם-פארכאפנדע בליקן אויף די לעיק פון הויכע בערג שפיצן. די אייגנשאפטן מאכן עס פאר א פאפולערע דעסטינאציע מיט מער פון 35,000 באזיכער יעדעס יאר.

יעצט פארענדיגט — וועט די נייע Sterling Nature Center and Resiliency Education געביידע:

- רעדוצירן די קאסטן פאר אפעראציעס און אויפהאלטונג פון די פלאץ דורך אויסנוצן גרינע טעכנאלאגיע און ענווייראמענט-פריינטליכע סטאנדארטן;
- פארבעסערן געאפפערטע טוריזם געלעגנהייטן אין דעם ראיאן דורכן פארבעסערן בעסערע סערוויסעס און אויסברייטערן פראגראמען און געשעענישן געלעגנהייטן; און
- אינפארמירן און אויפקלערן די פובליקום דורכן אהערשטעלן אן איינריכטונג מיט גענוג פלאץ פאר אויפקלערנדע אויסשטעלונגען און פראגראמען פארבינדן מיט גרינע אינפראסטרוקטור, לעיק-ברעגע באשיצונג און קלימאט שטאנדהאפטיגקייט.

רעקארד-הויכע לעיק אָנטאַריאו וואסער הייעכן און עקסטרעמע רעגנס האבן געשעדיגט אדער חרוב געמאכט טרעילס לענגאויס די ברעגע פון די סטערלינג נאטור צענטער. כדי צו אדרעסירן שטורעם וואסער פראבלעמען וואס האבן געשעדיגט טרעילס און געהאט א נעגאטיווע ווירקונג אויף די ערפארונג פון באזיכער און צו פארזיכערן אנגייענדע צוטריט — איז די קאונטי געשאנקען געווארן $804,500 אין גרענט פינאנצירונג פאר א צווייטער פראיעקט וואס איז יעצט אונטער קאנסטרוקציע.

שאדן פארמינערונג מאסנאמען צו איינגעפירט ווערן אין דעם סטערלינג נאטור צענטער טרעיל פראיעקט רעכענען אריין:

- גרינע אינפראסטרוקטור זיך צו בעסער אפגעבן מיט שטורעם וואסער, אריינרעכענענדיג אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער אין די פארקינג פלעצער פון די פארקינג לאט, טראטוארן, רעגן גערטנער און זומפן;
- אויפקלערנדע אויסשטעלונגען און פראגראמען פארבינדן מיט גרינע אינפראסטרוקטור; און
- פאררעכטן און איבערארבעטן די וועג פון אומגעפער פיר מייל פון הייקינג טרעילס, אריינרעכענענדיג די Dogwood, Lakeview, Heron, Bluff, Buttonbush און Lake טרעילס דורכן צוריק אויפשטעלן טרעילס וואס זענען פארלוירן געווארן דורך אפשווענקונג פון די בערג, אינסטאלירנדיג העלצער צו מאכן בריקן צווישן טיילן פון די טרעילס וואס זענען כסדר נאס אדער פארפלייצט צוליב אפטערע שווערע שטורעמעס און אזוי אויך דורכן איבערדעקן די אויבערפלאך פון די טרעיל אין געוויסע פלעצער וואס זענען פון פאראויס נישט באהאנדלט געווארן מיט שיכטן כדי צו פארמינערן זאמד אפשווענקונג אין פלעצער וואס האבן געליטן פון אפשווענקונגען פון אפטערע שטורעמעס.

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די Sterling Nature Center and Resiliency Education געביידע פראיעקט אין קאַיוגע קאונטי וועט העלפן פארמינערן צוקונפטיגע שאדן פון עקסטרעמע וועטערס, פארשטערקערן די באפעסטיגונג פון ברעגעס און פארמערן טוריזם און פארוויילונג געלעגנהייטן מיט טרעילס און אטעם-פארכאפנדע בליקן אויף די לעיק, בשעת'ן שטיצן ענווייראמענטאלע אויפקלערונג אין דעם ראיאן. מיינע לויבווערטער גייען פאר REDI פארן באשיצן די גרויסע וואסער פון לעיק אָנטאַריאָו."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) צייטווייליגער קאמישאנער, שאן מאהאר, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פאראויס שטופן סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו העלפן קאמיוניטיס זיך בעסער גרייטן פאר די פאטענציאלע השפעות פון אונזער טוישנדע קלימאט, ווי למשל אפטערע און שווערערע שטורעמעס, בשעת'ן רעדוצירן די קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס וואס טוהען ביישטייערן צו קלימאט טויש. די נייע Sterling Nature Center and Resiliency Education געביידע וועט באפולמעכטיגן באזיכער און העלפן אויפקלערן ניו יארקער דורכן צושטעלן ענווייראמענטאלע אויפקלערונג

צו העלפן פארבינדן מענטשן מיט נאטור, אינספירירן דעם קומענדיגן דור פון ענווייראמענטאלע היטער און פארמערן די אויפמערקזאמקייט פון די פובליקום איבער קלימאט טויש און די השפעות דערפון."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די ארבעט וואס האט זיך אנגעהויבן אין 2019 אין קאַיוּגע קאונטי – א פלאץ וואס איך האב אפט באזוכט אלס REDI פארזיצערין – גיבט יעצט פירות אין אויסערגעווענטליכע וועגן. די ארבעט וואס איז דורכגעפירט געווארן צו אויפרעכטן און פארבעסערן די Sterling Nature Center and Resiliency Education געביידע און די ארומיגע פלאץ איז א שיינענדעביישפיל פון אנטשלאסנקייט און צוזאמענארבעט צווישן סטעיט און לאקאלע REDI שותפים אין קאַיוּגע קאונטי. פון די אנהויב, איז דער פראיעקט געווען אן עניין פון פאראויס שטופן טוריזם, עקאנאמישע אנטוויקלונג, אויפקלערונג און שטאנדהאפטיגקייט, און עס דערפריידט מיך אז עס האט מצליח געווען אין אלע די זאכן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) קאמישאנער, דזשינעט מאָי, האט געזאגט,** "דורך די REDI איניציאטיוו טוט ניו יארק סטעיט פארזעצן צו ערפאלגרייך ארויסהעלפן פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע קאמיוניטיס אויף לעיק אָנטאַריאָ און אויף די סעינט לאורענס ריווער צו צוריק אויפבויען און באשיצן קריטישע אינפראסטרוקטור קעגן צוקונפטיגע הויכע וואסער שטאפלען פאראורזאכט דורך קלימאט טויש. דער Sterling Nature Center and Resiliency Education געביידע פראיעקט טוט נישט נאר ערגייכן גאווערנער האקול'ס וויכטיגע REDI ציהלן, נאר עס האט אויך די צוגעקומענע בענעפיט פון שטיצן פארוויילונג און ענווייראמענטאלע אויפקלערונג אין דעם עקאלאגיש-פארשידנארטיגן ראיאן פון די סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער און א פארזיצערין פון די REDI קאמיסיע, האָופ נייט, האט געזאגט,** "פרילינג מאכט יעדן איינעם באגייסטערט איבערן פארברענגען צייט אינדרויסן, און דערפאר איז דאס די בעסטע צייט צו אויפדעקן די נייע סטערלינג נאטור צענטער. גאווערנער האקול'ס בלויז-פארענדיגטער REDI פראיעקט, פלאצירט אין קאַיוּגע קאונטי, וועט שפילן א קריטישע ראלע ביים אויפקלערן די יונגע ענווייראמענטאלע היטער פון מארגן, בשעת'ן אויך צוציהען באזיכער צו געניסן פון די נייע אויסבליק טעראסעס און אינפארמאטיווע אויסשטעלונגען."

**דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט ( Dormitory Authority of the State of New York, DASNY) וויצע פרעזידענט, טשארלי וויליאמס, האט געזאגט,** "DASNY איז שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול'ס חזון פארן אפהיטן קאמיוניטיס און באשיצן וויכטיגע אויפקלערנדע מיטלען ווי די Sterling Nature Center and Resiliency Education געביידע. דער REDI פראגראם אינוועסטירונג און די ארבעט וואס איז געטוהן געווארן דא וועלן העלפן אויפהאלטן די איינריכטונג'ס אייגנארטיגע נאטורליכע, היסטארישע און קולטורישע מיסיע פאר ניו יארקער לאנג אריין אין די צוקונפט."

**סטעיט סענאטארשע רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "די סטערלינג נאטור צענטער'ס ענווייראמענטאלע אויפקלערונג געביידע פראיעקט איז באאיינדרוקספול. עס גיבט אן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט צו אויפקלערן מענטשן איבער ענווייראמענטאלע באשיצונג און אפהיטונג פון די ברעגעס. דורכן אוועקשטעלן א צענטער צו לערנען איבער די וויכטיגע נושאים, קענען מיר פארמערן ענווייראמענטאלע אויפמערקזאמקייט און צוציהען מער באזיכער, פארשטערקערנדיג די לאקאלע עקאנאמיע. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די סטערלינג נאטור צענטער פאר דעם באגייסטערנדן פראיעקט. איך קוק ארויס צו זעהן די ביישטייערונג דערפון צו דעם ראיאן."

**אסעמבלי מינאריטעט פירער, וויליאם בארקלעי, האט געזאגט,** "עס איז געוואלדיג צו זעהן דעם סטערלינג נאטור צענטער באפעסטיגונג פראיעקט ווערנדיג פארענדיגט. דאס איז א טראנספארמאטיווער

פראיעקט פאר דעם ראיאן און א באדייטנדע אינוועסטירונג פון סטעיט פינאנצירונג. איך קען נישטווארטן צו זעהן די בענעפיטן וואס די איניציאטיוו וועט ברענגען אויף באטראפענע ברעגעס און עקאנאמישע אנטוויקלונג פאר די געגנט. איך גראטוליר יעדן וואס איז געווען פארמישט פאר זייער שווערע ארבעט צו ברענגען די אונטערנעמונג צו נושא פירות זיין. די אונטערנעמונג וועט פיל ביישטייערן צו אונזער באשיצונג פון נאטורליכע אוצרות."

**קאַיוּגע קאונטי טשעיר פערזאן, עילין מעקנעב-קאָולמאן, האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז א ממשיות'דיגע אינוועסטירונג אין טוריזם און אין די לעיק אָנטאַריאָ 'בלויע עקאנאמיע'. עס וועט מאכן אז די אינוועסטירונג זאל זיך אפצאלן פאר קאַיוּגע קאונטי און פאר דעם ראיאן. עס איז א פייערונג פון א פלאץ און א פארפליכטונג צו היטן און פרעזערווירן די סטערלינג נאטור צענטער, אירע 1400 אקער פון עפנטליכע שטחים, נאטורליכע ברעגע און בערג שפיצן העכער לעיק אָנטאַריאו."

**טאון אָוו סטערלינג סופערווייזער, ענדרו דזשאָיס, האט געזאגט,** "עס איז גאר באגייסטערנד צו זעהן די פארענדיגונג פון דעם סטערלינג נאטור צענטער REDI פראיעקט. וואספארא וואונדערבארע געלעגנהייט פאר אונזער קאמיוניטי און באזיכער צו דעם ראיאן צו קענען לערנען, אנטדעקן און געניסן פון איינס פון סטערלינג'ס געוואלדיגסטע נאטורליכע אייגנשאפטן. דער פראיעקט איז א געוואלדיגער ביישפיל פון דעם REDI פראגראם און ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו באפעסטיגן אונזערע ברעגעס און עקאנאמישע אנטוויקלונג. נאך וויכטיגער — ווייזט עס די שטאלץ און איבערגעגעבנקייט פון די וואלונטירן וואס גיבן אוועק אזויפיל פון זייער צייט צו היטן אויף די Sterling Nature Center."

אין אפרוף צו די כסדר'דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט REDI צו פארמערן די באפעסטיגונג פון קאמיוניטיס אויף די ברעגעס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, וועלכע באשטייען פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס), זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דורך REDI, האט די סטעיט זיך פארפליכטעט צו צאלן ביז אזויפיל ווי 300 מיליאן דאלאר צו בענעפיטירן קאמיוניטיס און פארמערן די באפעסטיגונג אין ראיאנען לענגאויס לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס ריווער.

זינט די סטעיט'ס REDI פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין פרילינג פון 2019, זענען שוין 134 REDI-פינאנצירטע לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, אריינרעכנענדיג 26 פראיעקטן וועלכע זענען אין די דעזיין שטאפל, 23 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפלען און 85 פארענדיגטע פראיעקטן.

פאר נאך אינפארמאציע, פראפילן פון די פראיעקטן און פאר REDI נייעס, דרוקט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן